STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01397

SHTILE GEZANGEN

David Einhorn

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Judith S. Levine
in honor of
Bernard Jacob "Yonnie" Sacks

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איינהארן.

שטילע געזאנגען

(געדיכטע).

(צווייטע פערמעהרטע אויפלאגע).

ניו-יארק Forsait 51. • פערלאג „פראגרעס". • ווארשא Налевки 36.

Тихіе Напѣвы

Д. Эйнгорна.

Тип. Г. Пименгъ и Я. Швабе. Варшава Сѣраковская 4.

ВАРШАВА, 1910

דער בלאַסער בת מלכה, נאָך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיינמאָל געפינען.
פאַר דער, וואָס איך פלעג אין די זילבערנע נעכט
די האַרציגסטע מעשה'לעך שפּינען.

נאָך דער, וואָס איך גאַר אין די ליכטיגע טעג
און זוך אין די ראָזע פאַרנאַכטען.
דער יונגער פרינצעסען, וואָס וואָהנט ערגעץ וואו,
ערגעץ וואו אין אַ שלאָס אַ פערמאַכטען.

נײַע לידער

אין שווארצען טו זיך אן, מיין פריינד,
און געה ארוים מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער,
אין שאטען פון דעם נעילה שיין.

און ווען זי וועט מיט שטילע טריט
אדורכגעהן אונזער ארים נאס,
צינד אן מיט טרויער איהרע ליכט
און זאל דיין אויג פערבלייבען נאס.

און נאכדעם געה ארוים אין פעלד
און הער זיך צו צום קלויסטער=קלאנג
און זאג: דער פרעמדער גארטען בליהט,
פערוועלקט איז אונזער שוין פון לאנג.

און זאג: די חורבה איז פערלאזט,
עס ברומט שוין נישט אין איהר קיין טויב, —
דער שענער טרוים פון אויפבויען
דערשטיקט האט זיך אין אלטען שטויב.

און ווען עס וועט דער לעצטער שטראהל
פערגעהן, דאן קום אין שוהל צוריק,
בעהאלט זיך אין א ווינקעל שטיל
און האלט אראבגעלאזט דיין בליק.

און שווארצען טו זיך אן, מיין פריינד,
און געה ארוים מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין דעם נאך בלאסען נעילה שיין.

תשעה באב.

עס האט נישט דער הימעל געקאנט דעם טרויער
פֿערטראגען,
און שטיל זיך אין רינעלעך, רינעלעך טרעהרען צוגאסען
אהן דונערן, צנועה׳דיג, האבען די טראפּענס נענידערט,
פֿערלאזען,
אזוי ווי זיי וואלטען אשטילעס געבעט פֿאר אונז
זאגען.

דערנאך האט א שטראהל א פֿערשעממטער די דעכ-
לעך די נאסע,
און יעטווידער שטיינדעל אין וואסער, אין געסעל מיט
גינגאלד בעפלימערט.
אין לופֿט האט קיין איינציגער קלאנג און קיין איינציגעס
ווינטעל געציטערט.
פֿערגליווערט, אזוי ווי די בענקשאפֿט אויף פנים׳ער
בלאסע,

און ס׳האט זיך געדוכט, אז אין בענקענדען לופֿטען
וועט פלוצלינג
א זאמדיגער מדבר מיט עטליכע פאלמען זיך ווייזען;
א חורבה אנ׳אלטע, פֿערוואקסען מיט ווילדע מיט טרו-
קענע גראזען,
און אנגעלעהנט דארט אין א ווינקעל א יונגפרוי,
פֿערוויקעלט אין ווייסען.

איהר האט נור איין מאמען געהאט און פֿערלאזען,
א וועק אין דער וועלט אהן א ברכה פֿון איהר,
און אויב זי האט ווען אייך געבענשט, האט די ברכה
גענידערט אראב אין א טרעהר פֿאר'ן טיר.

נור אייך האט די טרעהר נישט געקאנט שוין דערגרייכען,
און ס'האט איהר דערשלונגען דער דארשטיגער זאנד —
און יעצט מוזט איהר בלאנדזען מיט טרוקענע זעלעס
און אויסגעהן פֿאר דארשט אין א טרוקענעם לאנד.

און אויב איהר וועט יא שוין א טייכעל געפֿינען —
נאך פֿרישקייט וועט בלייבען ביי אייך דער בעגעהר,
ווייל ס'קענען קיין טייך און קיין קוואל נישט ערפֿרישען
א זעל, ווי דער טוי פֿון א מאמעס א טרעהר.

כ׳האב געזעהן א יונגעס קינד ,
פֿערלאָזען אין א ווילדען וואלד .
פֿערוויקעלט אין א ווייסען קלייד
געוועזען איז איהר שלאַנק געשטאלט .
די קלארע הענדלעך אויסגעשפּרייט
אין ווייט ,
די אויגלעך מיט א טול פֿערדעקט , —
די קליינע ליפּלעך אויפֿגעדריקט
פֿון שטילען צער .
פֿון רויזען שטעכיגע א קראַנץ
בעקרוינט האט איהר געלאקטען קאָפּ .
און פּלוצלונג איז א שרעק אראב
אויף מיר ,
און איך האב זי געפֿרעגט :
— ווער ביסטו קינד ?! . . .
— דער צער פֿון זינד . . .

דערנאָך האב איך א פֿרוי געזעהן .
און אויג האט נאך א פֿלאם געצאַנקט
ביי איהר ,
די צארטע ברוסט א העלפֿט ענטפֿלעקט .
א קראַנץ פֿון רויטע מאָהן בעקרוינט
האט איהרע ווילד=צולאָזטע האָהר .
די פֿולע ליפּען האט בעזוימט

א הייסער, שמייכעלדיגער סוד.
און פּלוצלונג האט אנ'אומרוה שטיל
מיין הארץ צונויפגעדריקט, און איך
האב זי ווי דורכ'ן שלאף געפרעגט:
— מיין קינד ?!...
— די זינד!...

און זוכענדיג דאס ווייטע גליק,
פערבלאנזשעט האב איך ערגעץ=וואו.
פערלאזען אויף א שטויביג וועג
געגאנגען איז אנטקעגען מיר
אנ'אלטע פרוי, —
די אויגען — קאלט און שארף ווי שטאהל,
ווי אויפגעקנייטשטער קופער — דאס געזיכט,
פערוויקעלט אין א שווארצען טוך.
די פיס האט נישט בעדעקט קיין שוך.
און פול מיט וואונדערונג האב איך
געפרעגט:
— און ווער ביסטו ?...
— די קאלטע רוה.

דארט, וואו ס׳רוישען אלטע דעמבעס, וואוינט בעהאלטען
א לעגענדע ;
אנגעטהון אין גרינע זיידענס און מיט פערעל־טוי בעציהרט;
איהרע צויבער־לאקען גלאנצען ,
ווי די שטראהלען דורך די ביימער ;
בלויע זענען איהרע אויגען, טיעפע, טיעפע, אהן אנ׳ענדע,
דארטען רוהט דיין ליעבסטע , טרוימער ,
דארט האט זי דיין טרוים פערפיהרט .

רויזען זענען איהרע באקען , און איהר מויל א פורפור־
בלימעל ;
רעדט זי — דאכט זיך , ס׳מורמעלט פון דער וויטען שטיל
א קוואל .
איהרע ליעדער קלינגען צערטליך ,
ווי א קליינעס זילבער־גלעקעל ,
ווען ביינאכט , אין טוי געצוואגען , רוהט דער וואלד פון
רויש און טומעל .
און עס גנב׳עט זיך בעהאלטען
דורך די צווייגען א בלייך־שטראהל . . .
דארט צו יענע אלטע דעמבעס וועסטו שטענדיג איינזאם
בענקען ,
דיינע ארעמס וועלען שטענדיג רייסען , ציהען זיך אהין ,
נור דו וועסט אהין נישט קומען , —
בלייבען וועט עס א לעגענדע . . .

1905

אך, זיי, מיין געליעבטע, א צארטע, לעגענדע
פֿער'כשוף מיין הארץ מיט א טרוימענדען בליק,
זיי ווייט און געהיים און פֿער'חלומ'ט, אזוי ווי
אין פֿריהלינגס-נעכט ווייסע די ברעגעס פֿון הימעל
וואס ציהען, אזוי ווי זיי וואלטען בעהאלטען
אין בלוילי‌כֿען שלויער א גאלדענעם גליק.

פֿערהיל מיך אין נעבעל פֿון בליהענדע לאנקעס,
בעהאלט זיך אין שאטען פֿון רוישיגען וואלד,
און ווינק מיר פֿון הימעל מיט פֿינקלענדע אויגען,
און בלאנזשע בעהאלטען צווישען די זאנגען,
און סוד'ע מיך שטיל דורך די שלאפֿיגע גראזען,
און זאל זיך, מיט בלויליכֿע שטראהלען בענאסען,
פֿון ווייטען מיר ווייזען דיין שלאנקע געשטאלט.

1907

דו ביסט אוועק — אליין בין איך געבליבען , —
נור נישט די ערשטע ביסטו אין מיין וועג .
נישט איינע וועט פֿארבייייעהן מיך און ליעבען
און זוכען וואו א רוהיגערן ברעג .

א לייכט טורים בין איך , וואס שטעהט פֿערוואָרפֿען
אויף א וויסטען אינזעל ערגעץ=וואו , —
עס קען מיין ליכט אין נאכט קיין וועג נישט ווייזען—
עס קען מיין ליכט דערצעהלען נור פֿון רוח .

דו ביסט אוועק — אליין בין איך געבליבען .
נישט איינע וועט נאך אבשטעלען מיין ליכט ,
נישט איינע וועט נאך קומען און פֿערלאזען ,
נישט איינער וועט בעלייטען מיין געזיכט .

איינזאַמע !
ווער וועט זיך טיילען מיט אונזערע ליידען ,
ווער ?
דערטרונקען אין פינסטערע נעכט וועלען ווערען
די בענקענדע טענער פון אונזערע ליעדער ,
און קיינער נישט ,
קיינער ,
וועט לאָזען א טרעהר . . .

א מיידעל וועט אפשר אמאל אונז פערנעהמען
און ס'וועט איהר פון מיטלייד אין הארצען פערקלעמען ,
א פריינד וועט אמאל אפשר זיפצען בעהאלטען ,
א קרוב וועט שענקען א טרייסט-וואָרט א קאלטען , —
נור קיינער נישט ,
קיינער ,
וועט פיהלען דעם צער . .

איינזאַמע וועלען מיר בלאָנזשען און בלאָנזשען ,
און זוכען , נישט וויסענדיג וואס .
נור וואויל איז צו די , וועלכע וועלען געפינען
א סטעזשקע , אהן דערנער, וואו רוהיג צו בלאָנזשען ;
א הייזעל א שטילעס , וואו טרוימען צו שפינען ,
א זאמד , צו דערשלינגען די טרערען וואס רינען , —
וואויל איז צו די אויף דער וועלט ! . . .

אין שטילקײט פֿון דער נאַכט פֿערבלאנזשעט אין מײן
צימער
האט דורכ׳ן פֿענסטער שטיל א מײדעלשער געלעכטער ,
א צערטליכער , א פֿרעהליכער ,
און קלינגענד , װי דער לערכען-קלאנג
אין פֿריהלינג אויפ׳ן פֿעלד .
איך האב זיך נישט געריהרט און אײנגעזאפּט די טענער
און אלעס איז פֿאר מיר געװארען עפּעס שענער .
נור פלוצלונג איז ער שטיל געװארען , װי דערשראקען ,
און איז אװעק צוריק .

און שטילקײט פֿון דער נאַכט אנטקעגען פֿון מײן פֿענסטער
געבלאנקט האט שטיל
א פֿרעהליכער , א לוסטיגער , א רויטער ,
מיט שטראהלען זיבערע א פֿענסטערל א צװײטער .
און שאטענס צװײ האב איך געארימט דארט געזעהן ,
זײ האב זיך געקושט , געװעבט א גליק אין צװײען ,
א גליק , נאך װאס איך בענק .
און אפֿשר האט דאס מיר מײן אײנזאמע פֿאנטאזיע
גענארט ,
און דאס איז נור א בילד , א צויבער-בילד געװען .

1907

* *

*

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מעהר נישט קומען,
און אפֿשר ביסטו ביי מיר קיינמאָל געוועזן, —
דאָס האָט נור דער פֿריהלינג בעשאָטען מיט בלומען
מיין גאָרטען —
און איך האָב דיין בילד דאָן געזעהן.

דער קאַרשען־בוים האָט זיך פֿערוויקעלט אין ווייסען,
דעם בעז־בוים בעדעקט האָט אַ דופּטיגער שניי, —
און איך בין געגאַנגען די שניי־בלומען רייסען
פֿאַרנאַכט —
און געפֿינען דיין שאָטען אין זיי.

אַ קוועלכעל אַ קליינס האָט געפּליסט אין מיין גאָרטען,
אַ ווערבע געהיט האָט זיין קלאָרען קריסטאָל, —
ביים שיין פֿון לבנה אוועק בין איך דאָרטען
ביים ברעג —
און דערהערט ווי אין חלום דיין קול.

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מעהר נישט קומען,
און אפֿשר ביסטו ביי מיר קיינמאָל געוועזן, —
דאָס האָט נור דער פֿריהלינג בעשאָטען מיט בלומען
מיין גאָרטען —
און איך האָב דיין בילד דאָן געזעהן.

* * *

דו ביסט אוועק. אליין בין איך געבליבען.
נאר נישט די ערשטע ביסטו אין מיין וועג,
נישט איינע וועט פארבייגעהן מיך און ליעבען
און זוכען וואו א רוהיגערן ברעג.

א לייכט-טורם בין איך, וואס שטעהט פערוואָרפען
אויף א וויסטען אינזעל ערגעץ-וואו, —
עס קען מיין ליכט אין נאכט קיין וועג נישט ווייזען,
עס קען מיין ליכט דערצעהלען נור פון רוה.

דו ביסט אוועק. אליין בין איך געבליבען.
נישט איינע וועט נאך אבשטעלען מיין ליכט,
נישט איינע וועט נאך קומען און פערלאזען,
נישט איינע וועט בעלייטען מיין געדיכט.

דוד איינהארן.

אין אַלבנהדנאַכט.

עמוין האָט זיך פערבענקט...
צו דעם בלוי-ווייסען רויב,
צו דעם נעץ פון די צערטליכע ליכטיגע שטראַהלען
האָט פלוצלינג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט,—
ווי א טרויס...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פערפאַלען...
עמוין האָט זיך פערבענקט...
דאָרטען ווייט, דאָרטען ווייט, וואו עס דרעמעלט דער וואַלד
אין אַ נעבעל פון מאָטאָווען זילבער,—
שטיל, אין אַ שאָטען פערהילט
פון אַנ'אוראַלטען בוים,
אויפ'ן פייכט-ווייכען גראָז, מיט אַ האַרפע אין האַנד
מוז זיצען אַנ'עלענדער זינגער
און אַ ניגון פערטראַכט וועבען שטיל, וועבען שטיל,
אויף זיין סטרונעס מיט צערטליכע פינגער.
עמוין האָט זיך פערבענקט...

***

רוהיג, רוהיג שאָקעלט איהר געלאָקטעס גרינעס קעפּיל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַווענט אהן א שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע איהרס שעפּטשעט שטיל
א תפילה...
זיי שוין, קליין בעריאזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!...

איך בין דאָ אַנ׳עלענדער געקומען פון דער וויטען.
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ׳, און פרעמד איז מיר
זיין שפּראַך.
נישט ער וועט מיין טרויער זעהן און נישט פערשטעהן
מיין תפילה,
כאטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אסך.

פון דעם וויטען מערב האָט זיך טרויעריג פער׳גנב׳עט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער צאַרטער שטראַהל
און אַ לייכטען קוש געטאן די בלעטעלעך, די קליינע,
וועלכע האָבען דרעמלענדיג געהאָרכט די נאַכטיגאל.

פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערצעהלט די בלעטעלעך לעגענדען אָהן אַ שיעור...
עפּיס האָט אין האַרצען טיעף ביי מיר גענומען בענקען.
זיי שוין, קליין בעריאזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!...

ליטא.

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די דונקעלע פעלדער
און רוהט אויף די איינזאַמע בוימלעך, וואָס שטעהען צעוואָרפען אויף זיי;
דער בלאָהער פערטרויערטער הימעל, וואָס קוקט אַ פּער ווינטער ארונטער
דורך ווייסליכע זיידענע נעבלען, ערפילט מיט א צערטליכען וועה;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטען, וואָס שטאַרבען ווי עלענדע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדען זיך שטיל אין אַ בלאַסען, א קרענק-ליכען שיין;
די מאָרגענס, וואָס וועקען זיך אויף, ווי אַ שמייכעל אויף גוסס'ע ליפּען;
די טעג, וואס ערשיינען פערהילט, ווי זיי וואָלטען זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער ברוגז'ע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצען זיך אָרימע בלו-מעלעך שטיל;

די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אונענדליכ
שטרעקעס.
ווי אייגציגע ליכטיגע טרוימען אין תהום פון א שווארצען
געפיהל.

עס האָט מיך פער'כשופ'ט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט
אַרוים דורך אַ נעבעל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורימס, נור ווינטעלעך
קייקלען זיך מיעד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין אַ טרויער און האָפט אין
איהר שטענדיגען צווייפעל;
דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פערבענקטעס
פערהלומ'טעס ליעד.

1907

פאר נאכט.

פון די ברייטע גאלדנע פעלדער וועהט א ווינטעלע א זאנפטער,
אונ דער קלארער טייכעל מורמעלט, ווי פון שלאף א קינד.
טיעף פערזונקען אין געדאנקען, שטעהען דרעמלענדיג די בוימער
און די דונקלע לאנגע הילט א ראזער נעבעל איין,

ווייט אין מזרח, וואו עס קען שוין נישט דער לעצטער
שטראהל דערגרייכען,
צינדען, צינדען קליינע בלאסע שטערענדלעך זיך אן.
וועמעס וועג באלייכטען וועלען זיי, די ליכטיגע, די ווייטע?...
וועמען וועלען זיי פערפיהרען דארט מיט זייער ליכט?...

בלאסער, בלאסער ווערט דער רויטער פלעק אין בענקענדיגען
מערב,
און א שאטען א געהיימער הילט די פעלדער איין.
ווייט אין מזרח הויבט אן בלייכען, עמיץ הויבט דארט אן
צו האפען...
ווארט, עס וועט זיך באלד צעגיסען דער לבנהס שיין...

1907

אין אַ לבנה-נאַכט.

פערהילט האָט דעם וועלדיל אַ זילבערנער נעבעל,
בעהאַלטענדיג דאָרטען אַ שטיק פון דער נאַכט,
און איבער די פעלדער, די בלייכליכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבען מעהר נישט ווי שאָטענס פערטראַכט.

אין לופט האָט געציטערט אַ צערטליכע ווייסקייט
פון בענקונג און טרויער און שטילען פערדרוס,
אַזוי ווי די בלאַסקייט אויף מיידעלשע באַקען,
וואָס זוכען אַ ווייבען, אַ וועקענדען קוס.

פערוויגענדיג שטיל זיינע זילבערנע וועלען,
האָט ערגיץ אַ טייכיל געשוואומען פערבענקט
און, שווימענדיג, נעצען געפלאָכטען פון שטראַהלען,
וואָס האָט איהם די קאַלטע לבנה געשענקט.

פון ווייטען געצאַנקט האָבען פייערלעך קליינע.
דאָס האט ערגיץ שטיל וואו אַ דערפיל גערוהט.
אין לופטען געוועהט האבען וואַרימע ווינטלעך
און ליעבליך געסודעט: ווי אַלץ איז דאָ גוט...

1907

* * *

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד, געווען, שוין לאַנג...
ווען ס'האָט אין בלויער לופט דער ערשטער קלאַנג
פון שטילען טרויער איינזאם זיך צעשפּרייט,
און ערגיץ אויף אַ פרישען קבר דאָן
האָט קליינע ווייסע בלימעלעך פון פעלד
אַ קליינע צאַרטע פרויען-האַנד פערזייהט.

שוין לאַנג, מיין קינד, געוועזען איז דאָס, לאַנג...
ווען ס'איז דאָס ערשטע האַרץ געוואָרען באַנג,
און אין אַ ווייסער זומער-נאַכט אַליין
האָט שטיל צווישען שלאַנקע פיכטען ווער
פערלוירען אין דעם טוי פון גראָז אַ טרער
און אין די שאָטענס אַ פערשטיקט געוויין.

געוועזען איז דאָס לאַנג, מיין קינד, שוין לאַנג...
אַראָב צו אונז איז אַ פערבענקטער גייסט,
וואָס שוועבט אַרום אין סוד'עט תמיד איין
אונז שטיל א סוד פון אַ פערגאַנגען גליק,
וואָס ציהט אונז, ווי דער בלויער, וויטער שיין
פון שטערען, און לאָזט קיינמאָל נישט צו רוה
און וועקט דאָס האַרץ, און דריקט פון אויג אַ טרער
און רופט, רופט, נישט ווייסענדיג אַוואו.

1907

אין דער פרעמד.

אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט,
נישטאָ קיין אָרט, וואו בלייבען דא.
עס שיינט די זון, דער הימעל בלאה,
נור מיר געהט יעדער שטראַהל פאַרביי...
אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט.

די זון פערגעהט.
און פלאַקערט שטיל אין מערב-זייט.
איך שטעה און זעה, ווי פיין זי גליהט
און געהט אַוועק...
און פול מיט בענקשאַפט און מיט שרעק,
צעשפרייט איך מיינע הענד צו איהר
און בעט זיך שטיל: אַך, נעהם מיך מיט!
דאָ איז מיר פרעמד און אַלעס ווייט.

פערגאַנגען איז די זון...
און טיעף אין הימעל געהט אַ פאַרבען-שפּיעל.
עס בלאָזט דער ווינד און פליהט אַוועק,
און כ'בעט איהם שטיל:
אָ נעהם מיך מיט, אָ נעהם מיך מיט!

געקומען איז די נאַכט.
עס ריהרט זיך נישט
קיין איינציגס בלעטעל פון קיין בוים.
דאָס טייכיל מורמעלט נור געהיים
און שווייגט אַוועק...
און כ׳בעט איהם שטיל: אָ נעהם מיך מיט!
דאָ איז מיר פרעמד און אַלעס ווייט.

***

עס וועט אונז פערוויגען דער רויש פון די שלאַנקע,
פערדרעמעלטע סאָסנעס.
אַ ווייסע בעריאָזקע דערצעהלען וועט אונז די לעגענדע פון
וואַלד.
און שטיל אויפ'ן גראָז, דעם בעטויטען מיט קלאָרע
קריסטאַלענע פעריל,
צווישען די שטאַמען וועט שוועבען איהר שלאַנקע פערהילטע
געשטאַלט.

און וויט, דאָרטען וויט פון דער טיעפקייט, וואו
ס'שטעהען געפלאָכטען די בוימער,
וועט ציטעריג קומען צו שווימען אַנ'עכא אַ שטילער אַליין,
אַזוי ווי אַ ליעד פון אַ מיידעל אַ בלאַסע, וואָס בענקט
נאָך איהר ליעבען,
אַזוי ווי אַ קינד'שער ווייטער פערבלאָנדזשעטער איינזאַם געוויין.

און ביידע צוזאַמען דאָרט וועלען מיר זיצען אין
שאָטענס און טרוימען
פון איינזאַמע הייליגע, וואָס שטעהען פערבאָרגען אין טיעפ-
קייט פון וואַלד,

פון פייערלעך קליינע, וואָס שוועבען ביי נאַכט אויפ'ן
מאָך, אויפ'ן גראָהען;
פון שטערען, וואָס ווערען פערבלאָנדזשעט אַהין פון
דעם הימעל דעם בלאָהען.
די ווייסע בעריאָזקע דערצעהלען וועט אונז זייער
שטילע לעגענדע,
און שטיל אויפ'ן גראָז, דעם בעטויטען, וועט שוועבען איהר
שלאַנקע געשטאַלט...

ביי נאַכט.

עס רוקט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער די נאַכט,
ווי אַ שוואַרצער, אַ ריזיגער אָדלער.
אַ ליעבסטע, מיך שרעקט זי, עס שרעקט מיך איהר בליק,
זי קוקט, ווי אַ בלינדער מיט אָפענע אויגען,
און ס'דוכט זיך, די אויגען, זיי זעהען ווי מיר,
און אפשר נאָך טיעפער און בעסער...
עס שרעקט מיך דאס וועלדיל, וואס שיינט, ווי אַ פלעק
אויפ'ן דונקעלען בלויליכען הימעל..
וואס טוט זיך יעצט דארטען
און וואס פאַר אַ סוד
וועבט זיך צווישען די בוימער,
וואס שטעהען, אין דעקעס אין שוואַרצע געהילט,
און שווייגען און קוקען פערשטיינערט אַראב
צו די שוואַרצע פערגליווערטע קוסטעט?...
עס ווייזט זיך אַ שטערן, אַ צווייטער נאָך איהם...
און ווינקען...
צו וועמען, מיין ליעבסטע?
עס שרעקט מיך, אח, טאמער פאלט איינער פון זיי
צו דער ערד און ווערט פלוצלינג פערלאָשען,—
דאן אויבען אין הימעל וועט פעהלען אַ שטערן,
און אונטען וועט ווערען נאָך מעהרער מיט איינעם
אַ קאַלטען, פערלאָשענעם קערפער...

עס שרעקט, מיין ליעבסטע, די פינסטערע נאַכט,
די געטין פון ריזיגע שאָטענס...

מיין שוועסטער.

(פון א פאעמא).

I.

עס האט זיך מיין שוועסטער פערבענקט נאך די הימלען.
און ווער
האט איהר דארט פערכ'שופ'ט?—דאס ווייס נור
איהר קינדישע טרער,
וואס ציטערט ביי איהר אויפ'ן ברעם, ווי א קליינער
בריליאנט,
און קייקעלט זיך נאכדעם אראב אויף איהר
צערטליכע האנד;
דאס ווייס נור א פורפורנער שטראהל פון
א שטילען פארנאכט,
וואס האט פון דער גוסס'ער זון א פערגעהענדען קוש
איהר געבראכט;
דאס ווייס נור דער פינקלענדער סוד, וועלכער פאלט
אין די אבענדס אראב;
דאס ווייס נור דער גאלדענער שטראהל,
וועלכער שפיעלט זיך ביי טאג אויף איהר קאפ.

II.

יעדען פריהמארגען, ווען ראז געהמען ווערען
די שייבלעך ביי מיר אין מיין קליינינקען פענסטער,
און ס'הויבט אן צו שיינען אין צימער א נייער
געבוירענער טאג, פון דער זון א געבענשטער,
דאן שטעהט אויף מיין שוועסטער און הויבט מיך אן וועקען:
„קום עפען די טירען און לאז מיך צום הימעל!
איך וועל דארט צווישען די ראזיגע נעבלען
צעשפרייטען דעם שאטען פון נאכטיגען דרימעל
איך וועל דארט פערטרייבען די פינסטערע טרוימען,
וואס רינגלען מיך אום ווי א סטאיען פון קראהען.
איך וועל זיי פערטרייבען, איך וועל זיי דערטרינקען
אין ליכטיגען אבגרונד פון הימעל פון בלאהען".
און שטיל אזוי בעט זי זיך, בעט זיך מיט טרערען,
ביז ס'טוט אן די זון אהרע גאלדענע קליידער,
און ס'ווערט מיט א פאליע פון גאלדענע שטראהלען
פערטרונקען מיין ענגער, מיין איינזאמער חדר.
דאן שפרייט זי שטיל אויס אירע שניי ווייסע ארימס
און הויבט זיך אן טרינקען אין שטראם פון די שטראהלען
ביז וואן עס בעהאלט זיך די זון אין די בוימער,
און ס'נעמען איהר דונקעלע שאטענס בעפאלען.

1906

***

שלאָף איינעט, מיין ליעבסטע, און וואַרט...
באלד וועלען זיי קומען, די ליכטיגע אבענדס,
פערהילטע אין זיידענע טוליען,
צו שוועבען אריבער די פעלדער,
אַזוי ווי פערכּשופטע יונגע פּרינצעסינס,
וואָס האבען פערלאזט אין ביינאכטיגע קליידער
די אַלטע צעוואָרפענע שלעסער. —
אַ וואַרימעס ווינטעלע וועט זיי בעלייטען
אַ חלום אַ רוהיגער וועט זיך צעשפּרייטען
און איינוויגען אַלץ אויף דער וועלט.
נייג אָן שטיל דיין קאָפּ אויף מיין אַקסעל און דרעמיל,
און זאָל דיך דאָס וואַרימע ווינטעלע קושען,
ווי ס'קושט אַפערשלאָפענע בלום.
שלאָף איין, שלאָף איין, פערזינק אין חלומות...
פלעכט איין דיין נשמה אין זייערע נעצען
און וואַרט!
באַלד וועלען זיי קומען... די ליכטיגע אָבענד,
און שוועבען פערהלומ'ט אַרום.

1907

מיין צוקונפט.

לער איז מיין צוקונפט, אזוי ווי א מדבר
מיט אפענע קברים ארום און ארום,
און איינזאם דארט בלאנדזשע איך: מעהר נישט א מטה
מיט עטליכע גרעבערס בעליטען מיך שטום.

און וואו נור איך קעהר זיך, דארט געהען די גרעבער.
מיט רוהיגע, לאנגזאמע, הילכיגע טריט,
און ווי נור עס ווערט מיר אין הארץ וואס געבוירען,
דאן בלייבען זיי שטעהן נעבּ' א קבר דערמיט.

בעווייזט זיך ווען ערגיץ צווישען די וואלקענס
אין הימעל א שטערען און ווינקט מיר געשווינד,
באלד שטעלען די גרעבערס זיך אב נעב' א קבר
און לאזען אראב אין איהם לאנגזאם א קינד.

דערהער איך פון ווייטען א מאל א געלעכטער,
א צערטליכען קלאנג פון א מיידעלשע שטים,
באלד שטעלען די גרעבערס זיך אב נעב' א קבר
און לאזען א קינד אראב לאנגזאם אין איהם.

לער איז מיין צוקונפט, א מדבר מיט קברים,
און איך געה וואס ווייטער אלץ טיעפער אין איהר
מיט אייביגע שטומע און קאלטע בעגלייטערס,
וואס טראגען א מטה א שווארצע נאך מיר...

1906

***

עס ווערען געבוירען חלומות און שטאַרבען,
ווי בלומען אין מיטען דעם בליהען,
וואָס ווערען געריסען אין פריהלינג׳ס יום-טובים
אויף קראַנצען
פאַר העלדען, פאַר שענע וואקכאנקעס
צו צירען—אין זייערע פרעהליכע טאַנצען.

עס ווערען געבוירען חלומות און שטארבען,
ווי זאַנגען אויף גאָלדענע צייטיגע פעלדער,
וואָס פאַלען אין גלאנץ פון דער שטאלענער קאָסע,
און נאכדעם געבונדען אין גאלדענע גאַרבען,
צעפיהרט מען זיי פרעהליך מיט ליעדער אין שייער.
פארהאנגען אויף טרוימען, וואס ווערען פערגליווערט
אין שטיינערנע בילדער, און פארבען אויף לייוועגד,
אין ביכער פערשטויבטע, אין שענע געביידען...
זיי בלייבען, ווי שטילע און שטומע מצבות
אויף קברים פון אלטע פערגעסענע טרוימער,
וואו ס׳בליהען שוין אנדערע פארביגע בלומען
און ס׳פאלען די שאָטענס פון אנדערע בוימער.

נור וועה איז צו די, וועלכע ווערען געבוירען,
ווי שפעטיגע בלומען אין קויטיגען אָסיען,
וואס שטעהען געבויגען אין קעלט און אין טרויער

און ווערען מיט בלאַטיגע טראָפּענס פערגאָסען.
אַ פּוס אַ פערשמוצטע וועט גלייכגילטיג קומען
און וועט זיי צעטרעטען, די ליכטיגע טרוימען,
דערשטיקען זיי רוהיג און שטיל, ווי עס ווערען
דערשטיקט די נשמות פון יונגינקע פרויען
אין די אָרעמס פון מאַנען – געקויפטע און אַלטע,
ווי זייערע ריינע פאַנטאַזיעס פון יוגענד
אין קושען פון שמוציגע וועלקענדע ליפּען;
אַזוי ווי אַ שענע פערמשפּט'ע געטין,
וואָס מוז צו די נאָך בליהענדע ברוסטען
טוליען מיט עקעל אַ קוטיגען שאַרבען—

עס ווערען געבוירען הלומות און שטארבען...

1907

***

דיא אויגען, וואס קוקען אויף מיר אזוי ליעבליך,
געפאסט ווי בריליאנטען אין שווארץ,
האב איך דיר געשענקט פון די אוצרות, וואס ליגען
בעהאלטען ביי מיר אין מיין הארץ.
דארט האט זיי מיין יונגע פאנטאזיע געפונען,
בעגראבען אין אש און אין שטויב:
די אויגען, וואס קוקען אויף מיר אזוי לייבליעך,
דאס איז פון מיין הארצען דער רויב.
די באקען, וואס בליהען, ווי צוויי יונגע רויזען,
נאך וועלכע איך בענק און איך ווארט,—
פון הארצען גערויבט האט זיי אויך מיין פאנטאזיע,
ווען איך האב נאך קושען געגארט.
דארט האט זיי מיין יוגענד פערזייהט אין זיין גארטען
געשפייזט זיי מיט טוי און געהיט.
די בליהענדע רויזען—זיי האבען אין הארצען
ביי מיר, אין מיין הארצען געבליהט.
און יעטווידער קלאנג פון דיין צע־טליכער שטימע,
די שווארצע, די זיידענע האר
האט אויסגעוועבט טיעף אין מיין הארצען דער בענקען,
אזוי ווי א טרוים אויפ'ן וואהר.
דער חן, וועלכער רוהט אויף דיין קינדישען פנים,
דער צויבער, וואס שוועבט ארום דיר —
זיי אלע, אה זענען גערויבט פון מיין הארצען,
זיי אלע געהערען צו מיר.

* * *

און גרוים איז דער מדבר, אין וועלכען איך וואַנדער...
דאָס ווינטעל פערוועהט מיינע עלענדע טריט.
אַך, ווינטעל, דו ווינטעל, פערוועה נישט די צייכען,
די צייכען, וואָס ווייזען, אַז איך האָב געלעבט...

און בּרייט איז דער מדבר, נאָר ענג איז אין הארצען,
און אָפּטמאָל פון ענגשאַפט שטיל קאַפּעט אַ טרער...
אַה זעמדלעך, איהר זעמדלעך, נישט שלינגט איין די
טרערען—
די צייכען, וואָס ווייזען, אַז איך האָב געבענקט,

הויך אובען צעשפּרייט זיך אַ פינסטערער הימעל...
איך פיהל, ווי עס רוקט זיך אַלס נעהנטער דער טויט.
פערשיט מיך, דו ווינטעל, אַה שלינגט מיך איין, זעמדעלך
זאָל קיינער נישט וויסען דעם סוף פון מיין וועג...

פערבלאָנזעטע.

— מיין הארץ, מיין הארץ געהט אוים אליין אין
מיטען וועלט.

— אָה קום: עס ווארט אויף דיר מיין איינזאמער
געצעלט.

— ווער רופט מיר דאָרטען, ווער?.. א דאָרן ריהרט
זיך וואו...

— אָה קום: עס היט מיין שוים פאר דיר א שטילע
רוה.

— דאָס נארט געווים מיר אָב פון הערבסט דער
קאלטער ווינד...

— אָה, קום: די לעצטע בלומען שענק איך דיר, מיין
קינד!

— די זון פערגעהט, מיין הארץ געהט אוים מיט איהר
צוזאמען...

— פאר נאכט. איך בלייב אליין א יתום אָהן א מאמען.

ביי נאַכט.

שאָטענס צעלעגען זיך שטיל פון די דעמבעס;
ס׳ פינקלען די שטערען אין טוי פון די גראָזען;
דרעמלענדיג בלאָנזשעט צווישען די שלאָפיגע
בלומען א נאכטיגער ווינטעל פערלאָזען,

ערגיץ וואו חאַפּט זיך אויף פלוצלינג אַ בלעטיל:
צערטליכע זילבערנע טרעלען צעשווימען
באַלד וועט זיך, דוכט מיר, אין לופטען צעטראָגען
עטליכע איינזאַמע בעטענדע שטימען.

דורכשלייכען וועל איך מיך שטיל דורכ׳ן גאָרטען,
גנב׳ענדיג אָברייסען עטליכע בלומען,
נאָכדעם פערשווינדען, אַז קיינער זאָל מערקען,
גלייך ווי מען האָט נישט געמערקט דא מיין קומען.

דער ערשטער שניי.

I.

ווייסינקע שנייעלאך וויגען זיך, וויגען זיך,
טאנצענדיג שטיפעריש לוסטיג און פריי.
עפּעס איז יום-טוב'דיג ניי.
אויף די מויערן
האט זיך א שמייכעל צעלענט
און פערצויגען די גראהע, פערשטיינערטע טריער'ן
מיט א בעוועגליכען ווייסען וואואל.

טיעף אין די גאסען בעוועגען זיך
בוואלעס פון מענשען
אין זילבערנעם גלאנץ,
די יוגענד שפּאצירט.

און ס'קושען און פאהלען די קיהלינקע שנייעלעך
אויף ווארימע ראזיגע מיידעלשע פּנימלעך;
פערשעמטע, מיט שטיפעריש קינדישע שמייכעלעך,
פאלען און קושען זיי שטיל אין די ליפּעלעך.
פלעכטען אויף זייערע זיידענע לאקען

פון בלומען אַ זילבערנעם קראַנץ.
פאַלען און קושען,
פאַלען און קושען,
און ווערען צעגאַנגען אין קוש.

עס וויגען זיך, וויגען זיך ווייסינקע שנייעלעך,
טאַנצען און פאַלען און פאַלען...

II.

עס שטעהען די הייזער פערשנייטע און בעזע,
פערהילטע אין קאַלטע, אין פינסטערע שאָטענס,
זיך טוליענדיג איינער צום צווייטען
פון שרעק
פאַר די פינסטערע גאַסען,
וואָס ציהען זיך ווייט, ווי פערלאָזענע היילען
אָהן ברעג.
וואו נישט וואו מיט אַ פענסטער אַ רויטען בעלויכטען,
וואָס צאַנקט
דורך אַ כמאַרע פון שמעטערלינגס ווייסע,

וואס וויגען דערשראקענע אום זיך אין לופטען,
אין דונקעלען בלויליכען אבגרונד פון שאטענס
און פאלען אראב מיט א שארך א געהיימען
און ווערען פערשוואונדען געהיים.
ס'בעט אויסעט די ענגע, די שמוציגע גאסען,
בעהאלטען אין בלויען, אין דונקעלען אבגרונד,
מיט ווייסע, מיט קלארע מיט גלאנציגע דעקעס
די פינסטערע נאכט.

— — — — — — — — — —

וואו נישט וואו בלאנדזשען אום, ווי פערגעסענע,
לאנגזאם
פערטוליעטע איינזאמע דורכגעהער שטיל,
בלאנדזשען אום, בלאנדזשען אום,
פאר די צאנקענדע פענסטער,
פערשווינדען און ווייזען געהיימע צוריק זיך.
ערגעץ וואו גיט א סקריפע א טיר,
און א פרעכער געלעכטער קלינגט דורך אין דער לופטען.
עס ווייזט זיך א פרויען-געשטאלט, אפערטייטע
מיט עמיץ געארימט.
נאך איהר קומט אצווייטע,

אַ דריטע,
אַ פערטע,
און טרעטען און טרעטען.
עס ס'קריפּעט דער שנײ מיט אַ קרעכץ אַפערשטיקטען,
און טריט שוואַרצע, ריכטיג װי װאונדען,
קוקען אַרױס פון דער װײטקײט
מיט פינסטערע בליקען,
װי לעכער פון מענשליכע שאַרבענס,
און שרעקען...

— — — — — — — — — —

אין גאַסען פערשמוצטע, אין גאַסען פערשמוצטע
װעט קומען שפּאַצירען דער טאָג...

פריהלינג.

איך ווייס נישט, אַז וואוהין עס ציהט מיך מיין נשמה,
וואוהין עס רופען מיך די בלאַסע פריהלינגס נעכט,
בשעת איך טרעט ביי זיי אויף די פערטראַכטע לאָנקעס,
און זוך ביים וויטען ברעג
פון האָריזאָנט מיין וועג.
איך ווייס נישט, נור מיר דוכט: מיר האָט זיך ווען געחלומ׳ט
אַ ווילדער גאָרטען, טיעף אין איהם אַנ׳אַלטער שלאָס.
אַ בלאַסע פריהלינגס נאַכט געררוהט האָט אויף די בוימער
און מילד צעוויקעלט שטיל די בלעטלאַך, וואָס אויף זיי,
און דורך דעם העכסטען דעמב האָט שטאָלץ געקוקט אַטורים
אין וויטען בלויען רום מיט פענסטער רויטע צוויי.
און פלוצלינג האָט פון זיי זיך איינער דאָרט פערלאָשען,
און אויפגעמאַכט האָט איהם אַצאַרטע פרויען-האַנד.
און איך האָב צוויי דערזעהן פערטרומטע בלויע אויגען,
אַלעגגליך-ווייס געזיכט פון מירמעלשטיין געטאָקט,
און ווי אַכשוף האָט זיך ווייך פון דאָרט געצויגען
אַשטילע מעלאָדיע און עפעס מיר געזאָגט.

איך ווייס נישט, נור עס ציהט, עס ציהט מיך מיין נשמה,
פערכשופט בין איך אין די בלאַסע פריהלינגס נעכט...

1908

זומערדיגע אָווענדס...

זומערדיגע אָווענדס! היימליכע געצעלטען,
בלויע, און מיט טוליען דונקעלע געבעט.
וואו איז אייער מלכה? אין דער לופטען פיהל איך
וועהט איהר ווארים אָטעם, גליצט זיך צארט און גלעט.

וואו איז אייער מלכה? איהרע קליידער, זעה איך,
אויף די גרינע לאָנקעס ליעגען זיי צושפּרייט!
אָרימ'ס צארטע, דוכט זיך, נעמען מיך ארום עט
און אַ פרויען-שטימע סודעט מיר אַ סוד...
וואו איז אייער מלכה?...

ערגעץ מוז זי דרעמלען, אויף אַ בעט פון סאַמעט,
מיט צושפּרייטע אָרימס אין אַ בלוי געצעלט
ביי דעם שיין פון אַ בריליאַנט'נעם קליינעם לעמפּעל.
וואָס בעלייכט איהר מאַרמאָר אויסגעטאָקט געשטאַלט.—

לײַכט, און װעבט אײַן שטראַהלען אין די שװאַרצע לאָקען
װאָס צעשלענגלען זיך װי שלאַנגען אױף איהר ברוסט,
שפּיעלט זיך מיט די שאָטענס אױף איהר קינדיש פּנים,
װעלכעס שלאָפט בעצױגען מיט אַ טרױם פון לוסט.
אין דער בלױער שטילקײט חלום'ט זי פון װעמען.
צערטליך װעמען קושט זי, שמײכעלט מיט פערדרוס..
און אַ ציטער לױפט דורך איהרע שװאַרצע ברעמען
און די פּורפּור-ליפּלען זוכען שטיל אַ קוש.
זומערדיגע אָװענדס, הײמליכע געצעלטען,
װאו אַ װאַרים װינטעל טראָגט זיך אום געהײם.
װאו איז אײַער מלכה, איהר געצעלט דער בלױער —
אפשר בין איך דער, װאָס װעבט זיך אין איהר טרױם?...

הערבסט-שטימונג.

ווי שטיל עס צעלעגען זיך טרויריגע שאטען,
אווינטעלע ציטערט צווישען די צווייגען.
פערמאך דיינע אויגען, מיין ליעבסטע, און לא׳מיר
א מעשה׳לע שפינען אין הערבסטיגען שווייגען.

דו זיי די פרינצעסין, און איך דער בן-מלך.
א צערטליכער טרוים וועט אונז ביידע פערוועבען
אין ערגעץ א פאלאץ, וואס טונקט זיך אין וועלדער,
פער׳חלומ׳טע וועלען מיר איינזאם דארט לעבען.

דו הערסט, ווי עס רוישען די בוימער אין דרויסען,
א וואלקען פערציהט זיך אריבער די שטערען,
א בעזער מכשף וועט פלוצלינג ערשיינען
און וועט אונזער מראמארנעם פאלאץ צעשטערען

דער יונגער בן מלך וועט ערגעץ פערבלאנזשען
און האלזען פון אומעט א פעלזען א הארטען;
אין צעלט פון א פאסטוך וועט זיין די בת-מלכה
און, עלענד פערלאזען, איהר ליבסטען ערווארטען.

נור בלייבען אין מדבר וועט ער, — אויף זיין קבר
וועט שטעהן נור א איינזאמער דארן געבויגען.
און שטיל אין א פינסטערע נאכט דער בת־מלכה
וועט צומאכען רוהיג א פאסטוך די אויגען.

ניט שרעק זיך, מיין ליעבסטע, פערגעס אן דעם ענדע,
פערזינק אין די שאטען דיין טיעפען בעדויער.
עס גיט אזוי זעלטען א שענע לעגענדע,
וואס ס'זאל ניט פערהילט זיין אין איביגען טרויער.

1908

נאַכט־שטימונג.

עס וויינען די טיעף-בלויע הימלען מיט לויטערע גאָלדענע
טרערען.
די טרערען — זיי פאַלען אין אומעט פון דונקעלע פעלדער
אַראָב.
און איבער די דונקעלע שטרעקעס שוועבט איינזאַם אַ טרויריגע
שכינה
און קלייבט זיי און קלייבט זיי, די גאָלדענע טרערען, צו
איהר אין איהר שויס.

דעריבער פערנעהמסטו אַרויס, ווי פון צאַרטע, פון זיידענע
פליגלען;
דעריבער הערסטו, ווי עס בלאָנזשעט פערטראַכט עמיץ ווער
אויפ'ן פעלד.
און גלייך ווי עס וועבט זיך אַ גאָלדענער שניירעלע דורך
אין דער לופטען,
באַלד גליטשט זיך אַ זיידענעס ווינטעל צריבער דעם שלאָפיגען
גראָז.

לעגענדע.

יערידראַקענע, שטילע, פערטוליעט אין שאָטענס,
פערטיפטע אין זיך אין דער אייגענער שוואַרצקייט,
צעציהען זיך רייהען פון פינסטערע הייזער
און בילדען אַ גאַס נאָך אַ גאַס.
און טיעף אין די גאַסען אויף פייכט קאַלטע שטיינער,
מיט באָרוויסע פיס, אין צעריסענע קליידער,
געהט אום׳עט אַ הויכער, אַ בלאַסער, אַ דאַרער,
מיט אָפענע בלינדע פערצויגענע אויגען
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אָהן אַן אויפהער און זוכט...

און ווייט ביי דעם ברעג פון די הונדערטער גאַסען
שטעהט איינזאַם אַ קליינע, פערלאָזענע חורבה.
די טיר מיט די פענסטער פערשלאָגען מיט ברעטער,
פון וועלכע עס קוקט דורך די שפּאַלטע: אַרויס
צו די גאַסען אַ געהיימניס אַשטומע:
ביי טאָג מיט אַ פינסטערען בליק פון אַטויטען
ביי נאַכט מיט א בעזען, אַ רויטליכען אַבשיין,
אַזוי ווי דער שיין פון אַ שׂרפה אַ ווייטע,
וואָס ציטערט ביי׳ם ברעג האָריזאָנט.

און ווען אויפ'ן טורים, וואס טונקט זיך אין הימעל,
שלאגט צוועלף, און דער שיין פון די שטערען ווערט העלער·
געהט צו דאן דער הויכער, דער בלינדער צום חורבה
מיט ליפען געפרעסטע פון צער,
און קלאפט אין די קליינע, פערשלאגענע פענסטער,
און רופט דארטען עמיץ, און בעט דארטען ווען
און זוכט אין זיין אייגענעם עכא אנ'ענטפער.
נור ס'ענטפערט איהם קיינער פון דארטען...
א שטומע, ווי פריהער, בלייבט רוהען די חורבה,
פערשלאגען, פערוויקעלט אין נאכטיגע שאטענס,
בעהאלטענדיג טיעף די געהיימניס, וואס קוקט
דורך די פינסטערע שפאלטען ארויס...

און ווי עס ווערט ליכטיג, דאן ווערט פון דעם הויכען
א קליינעס, אשוואכעס, א זעהעדיגס מענשעל,
וואס וואנדערט ארום מיט א פעקעלע סחורה
און האנדעלט און קויפט און פערקויפט.
נור ווי עס ווערט פינסטער און פוסט אין די גאסען,
דאן וואקסט ער אויס ווידער א הויכער, א בלאסער,
מיט אפענע בלינדע, פערצויגענע אויגען,
און זוכט עפעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אהן אנ' אויפהער און זוכט...

***

עס איז אונזער ליעבע, מיין ליעבסטע,
געקומען ביי נאכט מיר צו חלום,
געקליידעט אין שווארצען, א שטאלצע,
און בלאס איז געוועזען איהר פנים.

א קראנץ פון פערוויאגעטע בלעטער
בעדעקט האט איהר קלאר-ווייסען שטערן,
און ס'האבען בעצירט איהרע ברעמען
צוויי ריינע קריסטאלענע טרערען.

מיט ליפען, פון וועהטאג געדריקטע,
האט זי איבער מיר זיך געבויגען,
און איבער איהר קאפ איז דער טרויער,
ווי א קראהע א שווארצע געפלויג

דוד איינהארן.

אידיליע.

איך וויל, אז מיין ליעבע זאל ווערען געשלאסען
אין ערגיץ אנ׳ ענגען, א יודישען געסעל,
וואו ס׳ שטעהען די הייזלעך געדריקט, ווי א סטאדע
פון שעפסען, ווען ס׳ שרעקען זיי וועלפישע צייהנער.
אנ׳ עדות זאל זיין די לבנה, און קיינער,
חוץ איהר, זאל נישט קענען פערנעהמען די קושען,
וואס וועלען זיך טראגען וואס העכער און העכער
צום ליכטיגען הימעל, צום בלויליכען אבגרונד,
וואוהין עס וועט קוקען מיט בליקען פערבענקטע
די, וועלכע כ׳וועל שענקען מיין ליעבע.

און ווען איך וועל געהן מיט מיין ליעבסטע שפאצירען,
זאל אונז נייט בעלייטען דער נאכטיגאלס טרעלען.
נור שטיל זאל זיך טראגען פון ערגיץ א ווייטען,
א דונקעל בעלויכטענע נידריגען פענסטער
א עטילער פערטרויערטער יודישער ניגון,
וואס זאל אין א חלום א ווייטען פערוויגען ,
א חלום פון זיסע און צערטליכע שמארצען
און טיעפע, נאך נישט קיין בעוואוסטע פערלאנגען,

שטילע געזאנגען.

וואס שוועבען ווי עכא׳ס פון איינזאמע קלאנגען,
פון וועלכע עס וועבט זיך מיין ליעבע...

און זיין זאל מיין ליעבסטע א בלאסע, פערקלערטע,
מיט אויגען פערחלום׳טע, אפענע, צארטע,
און בלויע, אזוי ווי אין פריהלינג דער הימעל,
וואס קוקט דורך א דורכזיכטיג שלייער פון טוליען;
מיט שווארצע צעווארפענע זיידענע לאקען,
וואס זאלען בעזוימען איהר פנים דעם בלאסען,
וואס רעדט נישט פון טויט און פון בלומען, וואס וועלקען,
נור עפעס פון שטילע בעהאלטענע קרעפטען,
וואס רייסען בעהאלטענער-הייד זיך צום לעבען,
און פערל פון ריינע קריסטאלענע טרערען,
וואס פאלען און פאלען פון ליעבע.

און זיין, וויל איך, זאל זי א טאכטער פון יענע
געבויגענע, פינסטערע ארימע הייזלעך,
וואו ס׳לעבט און עס ליידעט די זעל פון מיין אומה,
וואו ס׳רעדען פון שמערצען נור בליקען נור שטומע.
און האבען זאל זי אויך אנ׳אלטינקע מאמען
מיט אויגען, וואס וויינען און קושען צוזאמען,

מיט ביינינע הענד, וועלכע האלטען אין גלעטען,
מיט טרוקענע ליפען, וואס שעפצען נור ברכות.
און ליעב זאל זי האבען איהר ארימע מאמען,
די, וועלכע וועט בענשען מיין ליעבע.

און שטיל אין א קליינינקען קאמער אין ערגעץ
א קליינעם, געבויגענעם פינסטערען הייזעל
זאל אונז דערנאך בענשען א גרייזגראהער זיידע,
וואס וועט אונז דעם חלום פון פאלק איבערגעבען,
צו טראגען איהם ווייטער מיט גלויבען אין לעבען,
און מוטיג געארעמט זאל איך מיט מיין ליעבסטער,
אוועקגעהן צום ליידענדען פאלק און איהם שענקען
די אייביגע הייליגע ליעבע...

אמר אביי.

אין דרויסען איז פריהלינג, אין דרויסען איז ווארים...
עס ציהען זיך שטראהלען, ווי גאלדענע פעדים,
ווי גליקליכע רגע'ס אין אייביגען אומעט,
און נעהמען, ווי ארעמס פערליעבטע ארומ'עט,
און גלעטען די באקען, און קושען די אויגען,
און ווערען אין ליכטיגע נעצען צעצויגען...

אין דרויסען איז פריהלינג, עס שמייכעלט די זון
דורך די בלאטיגע שייבלעך פון אלטען בית-מדרש:
א פאליע פון גאלד האט פערשעמט דעם נר-תמיד,
ער קוקט יעצט ארויס פון די שטראהלען, די יונגע
און כעס מיט זיין אייביגען רויכיגען פלעמעל,
אזוי ווי אן אלטער, א שוואכער קנאי
אויף פרעהליכע, יונגע, צעלאזענע קינדער.
אפילו דער יאהרצייט, וואס ברענט אויפ'ן עמוד,
האט ערגיץ בעהאלטען זיין שיין נאך א טויטען,
אזוי ווי צווישען א מחנה צדיקים,
א שטילער, פערשעמטער, פערטריבענער זינדער.
ווי גוט עס איז איצט אויפ'ן לאנקע, ווי ווארים!...

דאס וואסער אין טייכעל — ווי קלאר און ווי זויבער!...
ארום אויף די פעלדער צעשפרייט זיך א צויבער.
און דא אין בית־מדרש איז אלץ נאך פארטרויערט,
אנ'אייביגער צער פון די ווינקעלעך לויערט
און קוקט מיט פערדראס אויף די שטראהלען די נייע,
אי אמר אביי! אי אמר אביי!...

נור קומען די נאכט וועט מיט זילבערנע שטראהלען,
מיט ווארימע ווינטלעך, מיט גוטע חלומות.
און איך וועל פערמאכען די אלטע גמרא,
ערלאזען דעם גרויסען, פערקלערטען בית־מדרש
און געהן אויפ'ן לאנקע, וואו גרעזעלעך וואקסען...
דארט וועלען שוין ווארטען אויף מיר פיער בעקאנטע:
מיין טייערע ליעבע, מיין שענע הדסה, —
א ווערבע א שטילע, א טייכעל א קלארעס, —
און אויבען א גוטע לבנה א בלאסע.

דערווייל איז נאך טאג, די גמרא איז אפען...
האב כח אויף ווארטען, האב קרעפטען אויף האפען,
און לערען, ביז קומען די שעה וועט די פרייע...
אי אמר אביי! אי אמר אביי!...

פון יודישען געסיל.

I.

דאס ענגע געסעל האט פערהילט א זיידען שאטען,
א ווארים ווינטעל האט די הייזלעך פערוויגט.
ווי קליינע קינדערלעך, דערשראקענע, צוזאמען,
א דעכעל ביי א דעכעל, שטעהען זיי געדריקט.

א מילדער געלבער שיין צעגיסט זיך פון די פענסטער
און וועבט זיך היימליך איין אין פארהאנג פון דער נאכט.
פון אלטען קלויסטער קומען איינזאם-ווייטע קלאנגען,
וואס שוועבען אויף דאס ענגע געסעלע פערטראכט.

ווי שטיל עס איז ארום... עס ציטערען די שטערען,
די שכינה אטעמט אב אין טיעפען בלויען רוים.
א שמייכעל שוועבט אויף איהר פערטרויערט בלאסען
פנים...
און אויף דער געסעל רוהט א בענקענדיגער טרוים.

II.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר, אַ צערטליכער געלעכטער.
אַ שעמעוודיגער קוש, אַ לייכטער דריק אין האַנד.
אַ פענסטעריל אַ קליינס. אַ בוימעלע אַ יונגעס.
אַ וייכע באַנק פון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנד...

אַ דונקעל-בלוי געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערען.
אין שטילקייט פון דער נאַכט דער זשומען פון אַ גריל.
אַ ווייטער רויש, וואָס קומט צו שווימען פון דעם טייכעל.
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליצט זיך אויפ'ן גראָז...

דער ברעג פון האָריזאָנט, וואָס הויבט שוין אָן צו בלייכען.
אַ ווייסער טול, וואָס הילט דאָס ענגע געסעל איין.
אַ לעצטער לאַנגער קוש. אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדען.
און נאָכדעם ווייטע טריט, וואָס קלינגען אָב געהיים...

* * *

מיין פאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער.
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצען פערהילט,
וועט זי אייביג זיצען מיט בענקשאַפט ערפילט
ביי דיר אויף דיין אַלטען צעוואָרפענעם מויער...

און דאָרט אויף די חורבות, פון בלאַסליכע שטראהלען
וועט זי איינזאַם שפינען מיין צערטליכעס ליעד ,
וואָס וועט דיך דערגרייכען פערחלום'ט און מיעד,
און שטיל אין דיין זעלע, ווי פערעל צעפאַלען...

מיין ליעד וועט אַן'איינזאַמע תפלה דיר ווערען,
אַ בעכער פאַר דיינע פערלאָזענע טרערען;
מיט איהם וועסטו וועבען דיין טרויריגען ניגון,
מיט איהם וועלען מאַמעס די קינדער פערוויגען!..

אינהאלט:

נייע ליעדער.

אין שווארצען טו זיך אין מיין פריינד	7
תשעה באב	9
איהר האט נאר איין מאמען געהאט	10
כ'האב געזעהן א יונגעם קינד	11
א הייסער שמייכעלדיגער סוד	12
דארט וואו ס'רוישען אלטע דעמבעס	13
אך, זיי מיין געליבטע	14
דו בוזט אוועק	15
איינזאמע	16
אין שטילקייט פון דער נאכט	17
***	18
***	19
אין א לבנה נאכט	20
רוהיג, רוהיג...	21
ליזא	22
פאר נאכט	24
אין א לבנה נאכט	25
דאס איז שוין לאנג מיין קינד געוועזן	26
אין דער פרעמד	27
עס וועט אונז פארווינען דער רויש	29
ביי נאכט	31
מיין שוועסטער	32

שלאָף אײַן מײַן ליעבסטע און וואַרט	34
מײַן צוקונפט	35
עס ווערען געבוירען הלומות און שטאַרבען	36
***	37
און גרוים איז דער מדבר	39
פערבלאָנזשעטע	40
בײַ נאַכט	41
דער ערשטער שניי	42
פרִיהלינג	46
זומערדיגע אָווענדם	47
הערבסט-שטימונג	49
נאַכט שטימונג	51
לעגענדע	52
***	54
אידיליע.	55
אמר אַביי	58
פון יודישען געסעל I	60
" " " II	61
מײַן פאָלק	62